{פאַרזעצונג פון פריערדיגע זייט}

ווען איינער קומט צו מיר נאָכ'ן שיעור און זאָגט מיר, רבי חיים דער שיעור איז געווען געוואַלדיג, איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט", האָב איך הנאה דערפון, די זופּ איז דער "שיעור כללי" פון די רביצין, זי האָט זיך געפּלאָגט דערויף, און מ'דאַרף איר געבן אַ גוט פילינג...

דער מוסר השכל איז, אַז יעדן שמעקט אַ גוט וואָרט. אפילו אַן אדם גדול דאַרף אַמאָל הערן אַז זיינע ווערטער האָבן אַ תכלית און טוען אויף, און ער איז נישט עובר אויף "למען לא ניגע לריק".

אַ קאָמפּלימענט קאָסט נישט קיין געלט, און מ'קען אַסאַך מאָל אויפטון דערמיט גרויסע זאַכן. מ'דערציילט אויך, אַז אַמאָל איז געווען אַ בחור וואָס האָט זיך נישט געטראָפן קיין פּלאַץ אין ישיבה, ער האָט שוין באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די ישיבה, פונקט איז אַריבער נעבן אים אַ בחור, וואָס האָט אים פאַרראָכטן דעם קראָגן, און אים געגעבן אַ שמייכל, אָט דער שמייכל האָט געטוישט זיין באַשלוס, ער האָט געזען אַז עמיצער רעכנט זיך מיט אים, און ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין ישיבה. אַ קלייניגקייט וואָס האָט געראַטעוועט זיין צוקונפט. און אַזעלכע מעשיות איז דאָ עד אין שיעור.

צוריק צום ענין, לאָמיר זיך צוגעוואוינען צו זאָגן אַ צווייטן אַ גוט וואָרט, ומתוך שלא לשמה בא לשמה, אַז מ'וועט זיך צוגעוואוינען דערצו וועט דאָס שוין ווערן אַ רגילות. ס'איז אַ זאַך וואָס קאָסט נישט קיין געלט, אָבער מ'קען דערמיט אויפטון גדולות ונצורות. שלח לחמך על פני המים.

מיט גרויס אַכטונג,

**מ.י.ה.**
**וויליאַמסבורג**

*

## אַ טובה פאַר אַ נשמה

צו דער רעדאַקציע.

דעם מיטוואָך פאַלט אויס די יאָרצייט פון החתן צבי הירש שוואַרטץ ע"ה, השם ינקום דמו, בן יבלחט"א הרה"ח המפורסם ר' נחום שליט"א פון מאָנסי.

הערשי איז נעבעך ברוטאַל דערשאָסן געוואָרן דורך אַ גוי ממש פאַר זיין קאַר. (דער שיסער איז אין טורמע און ערוואַרט טרייעל). ער האָט נעבעך נישט איבערגעלאָזט קיין דורות. ביטע לערנט משניות לעילוי נשמתו. זיינע עלטערן האַלטן אינמיטן שרייבן אַ ספר תורה פאַר זיין נשמה, יעדער וואָס קען, זאָל טון אַ טובה פאַר זיין נשמה, צינדן אַ ליכטל, לערנען משניות, אַ טבילה במקוה, וכדומה.

**בריוו צו די רעדאַקציע שיקט אַריין דורך:**
Mail — 191 Rodney St.
Fax — 718-764-5909
email — news@deryid.org

יהא זכרו ברוך.

מיט דאַנק פאַר'ן דרוקן

**א. א.**

*

## איבער'ן אַרטיקל פון הרה"ח ר' משה פראַנצאָז ע"ה

לכבוד מערכת "דער איד".

ראשית כל וויל איך אייך משבח זיין די הערליכע אויסגאַבע וואָס איר שטעלט צו פאַר די לייענערס מדי שבוע בכמות ובאיכות. ובפרט די "תורה אָפּטיילונג" וואָס וואַקסט אין אַלע הינזיכטן און איז אין דער בחינה פון יגדיל תורה ויאדיר.

די פאָריגע וואָך איז אין די ראַמען פונעם אַרטיקל "יזכרם" געווען באַשריבן הרה"ח ר' משה פראַנצאָז ע"ה. וויל איך נאָר קאָרעגירן צוויי טעותים וואָס זענען דאָרט אַריינגעפאַלן.

ראשית, עס שטייט אויף הגה"צ רבי שלום יוסף קליין זצ"ל, וואָס האָט געפירט אַ ישיבה קטנה אין פּעטראָוואָסעלא, הי"ד. – פאַקטיש איז ער אַוועק פון אַ לונגען אַנטצינדונג ב' סיון ת"ש, איידער די רשעים האָבן אינוואַדירט יוגאָסלאַוויע.




שנית, איז בטעות געשטאַנען אַז ער איז דער מחבר פון ספר 'הישר והטוב' אַנשטאַט ספר 'דרך הטובה והישרה'. דער ספר הישר והטוב איז פונעם הייליגן ליסקער רב זי"ע, וטעות לעולם חוזר.

**הרוצה בעילום שם**

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

אַ האַרציגער רוף לתועלת הרבים:

ענדליך האָב איך מיך אַראָפּגעזעצט שרייבן דעם בריוו אויסצודריקן מיינע געפילן זעענדיג אויפ'ן קאַלענדער אַז אָט אָט דערנענטערט זיך שוין דער יום טוב פורים.

עס האָט פאַסירט פאַראַיאָר פורים תשפ"ג אינדערפרי.

מיין בחור איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָגס, געגאַנגען אין בית המדרש, געדאַוונט שחרית, הערן מגילה לייענען און אָנגעהויבן זיין וועג אַהיים.

גייענדיג אויף העריסאָן עוועניו איז ער אַדורך אַ קאַר וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט אָנגעצינדערהייט – דער טאַטע איז אַרויס טראָגן משלוח מנות – זיינע אויגן פאַלן אויף די פענסטער פון די קאַר וואו ער זעט צוויי קינדער אַליין אין קאַר שפּילן זיך מיט די פענסטער. דעם פיר יעריג יונגל'ס קאָפּ שטעקט זיך אַרויס פון פענסטער און איז שוין בלוי ווייל עס איז געבליבן שטעקן אינדערמיט. ער קען נישט אַריינגעמען זיין קאָפּ. זיין ברודער וואָס איז אַביסל עלטער – אפשר ניין יאָר – פּרובירט אים צו העלפן און דריקן די קנעפּלעך פונעם פענסטער אָבער אָן ערפאָלג.

מיין בחור האָט געזען די סצענע און מיט איין אָטעם איז ער שנעל צוגעלאָפן זען וואָס ער קען העלפן. צום ערשט האָט ער פּרובירט צו רוקן די פענסטער אָדער טיר אָבער גאָרנישט רוקט זיך נישט. האָט ער שנעל אָפּגעשטעלט אַ יונגערמאַן מיט אַ סעלפאָן ער זאָל די ערשטע זאַך רופן הצלה.

זיי האָבן ביידע פּרובירט צו ראַטעווען דאָס קינד ווען אין דער זעלבער צייט זענען אָנגעקומען די הצלה וואַלונטירן ב"ה באַצייטנס און געראַטעוועט דאָס קינד אין דער לעצטער מינוט, הודו לה'.

מיין בחור איז אַהיימגעקומען ווייס ווי די וואַנט פון דעם איבערלעבעניש. עס האָט אים גענומען היבש אַפּאָר שעה זיך צו אָריענטירן!

זאָל די מעשה דינען פאַר אַ מוסר השכל פאַר'ן ציבור! מען זאָל קיינמאָל, קיינמאָל נישט איבערלאָזן קינדער אַליין אין אַ קאַר. אפילו פאַר אַ פּאָר מינוט אויך נישט!

יישר כח

**ב.ב.ש.**

## ישמעו רחוקים ויבואו: נישט אָנהאַלטן טעותים

חשוב'ע רעדאַקציע

איך האָב געזען אין די נייעס פון ארץ ישראל, ווי ס'איז ערשינען די טעג אַ ספר מיט'ן נאָמען "והיה בכזיב בלדתה"... וואו דער מחבר איז מסביר דעם טעות פון די פירער פון די פּאַרטייען, "ציונות הדתית" און "אגודת ישראל". ער באַציט זיך אויף די שרעקליכע אָקטאָבער געשעענישן דורך די אַראַבישע רוצחים און ערקלערט באריכות ווי די אַלע צרות אינעם דור פּאַסירן צוליב דעם וואָס פילע ערליכע אידן זענען ליידער אַ חלק אינעם מלכות המינות, זיי נעמען אַנטייל מיט אַלע פּעולות פון די רשעי ישראל, די פּושעים ואפיקורסים, וואָס האָבן איין ציל אויסצו'שמד'ן דעם כלל ישראל. דערפאַר, וויבאַלד מ'איז נישט אָפּגעזונדערט פון זיי, קומען די אַלע אומגליקן.

דער מחבר קומט צו אַ מסקנא אַז דער סאַטמאַרער רב מרן רביה"ק זי"ע איז געווען גערעכט אין זיין שיטה. אַלע פּירצות אינעם דור קומט ווייל פרומע אידן זענען פשוט נישט גרייט מודה צו זיין אין זייער טעות.

דער מחבר שטעלט זיך אָפּ אין זיין חיבור אויף דעם וואָס מ'זעט אין די היסטאָריע ווי די גרעסטע גדולי ישראל האָבן געקענט האָבן אַ טעות. מ'האָט דאָס געזען ביי בר כוכבא, בר כוזיבא, וואָס האָט דערקלערט כאילו ער איז דער מלך המשיח. בר כוזיבא האָט אָנגעפירט דעם אידישן אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך ליידער געענדיגט מיט'ן שרעקליכן מאָרד פון הונדערטער טויזנטער אידן.

כאָטש מיר פאַרשטייען נישט די פּעולות פון די הייליגע תנאים, די ראשונים כמלאכים, וואָס זענען געווען ווי מלאכי ה' צב', זעט מען אָבער פון די גרעסטע אחרונים וואָס שרייבן אַז דאָס וואָס מ'זעט מאַנכע האָבן געשטיצט בר כוזיבא איז קלאָר געווען אַ טעות. נישט דאָ איז דאָס אָרט מאריך צו זיין איבער דעם.

אַ היסטאָרישע נקודה רירט אָן דער מחבר, וואָס איז נוגע ביז היינטיגע צייטן. ווען נישט דעם אויפשטאַנד פון 'בר כוזיבא' בימים ההם, וואָלט דער נאָמען פון ארצינו הקדושה קיינמאָל זיך נישט געטוישט צו "פּאַלעסטינע" דורך אדריאנוס שחיק טמיא, ווי באַקאַנט האָט אדריאנוס ביטער נקמה גענומען פון אידן נאָך דעם אויפשטאַנד פון בר כוזיבא. ער האָט דורכגעפירט די שרעקליכע גזירות השמד. דערמאָרדעט פילצאָליגע אידן אויף קידוש השם. צווישן זיי די עשרה הרוגי מלכות. אָבער ער האָט צווישן אַנדערע שריט צו באַשטראָפן די אידן אויך געטוישט דעם נאָמען פון ארץ ישראל, עס זאָל מער נישט הייסן "יהודה", נאָר "פּאַלעסטינע".

דאָס מיינט אַז בעצם זענען די אַלע בלוט-פאַרגיסונגען וואָס גייען שוין אָן אַזויפיל יאָרן איינגעהילט מיט'ן שלייער פון רוצחים וואָס זוכן זיך אָנצונעמען פאַר די א.ג. 'פּאַלעסטינע', אויך פּירות פון יענעם ביטערן שריט צו וועלן נעמען די גאולה פאַר דער צייט. מ'רעדט שוין פון אַ געשעעניש כמעט 2000 יאָר צוריק אין די תקופה פון בר-כוזיבא.

פאַרשטייט זיך אַז דער רבי זי"ע דאַרף נישט קיין הסכמות צו זיינע הייליגע ווערטער. איך האָב אפילו נישט געזען דעם חיבור, און איך ווייס נישט צי ער האָט הסכמות, איך דערמאַן עס בלויז אַלס אינטערעסאַנטקייט, זעענדיג אין די נייעס ווי מ'פאַרצייכנט מיט וואונדער אַז איינער פון גאָר פרעמדע קרייזן, וואָס איז געווען יאָרן פון די "דתיים", איז צוגעקומען צו דער ריכטיגער השקפה און פון אַ היסטאָרישן בליק דערזען דעם אמת, ווי די שיטה פון אַלע ערליכע גדולי ישראל ובראשם מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע איז די ריכטיגע.

**מ.י.**
**מאָנסי**